העפטל 17
3 פענס

# פוילן — "פה־לין"

א. נ. שטענצל

לאנדאן-ווייטשעפל
אקטאבער 1941

„הייליק איז מיר די פוילישע ערד,
ווייל מיין טאטע איז אין איר באגראבן".
א און אצינד מיין הייליקע מאמע — — — —
כ'וועל זי טאפל ליב דערפאר איצט האבן.

## פוילן — „פה-לין"

### א.

מיט פראסטע תמימות פון דיינע סמוטנע פויערים
זיינען מיר ווידער אין דיר הייליגע געווארן,
גאט האבן מיר פנים אל פנים דא דערזען,
אויף דיינע סטעזשקעס צווישן וויגנדיקן קארן.

„א גוטן מארגן דיר רבונו של עולם !"
לייבליכע מיר האבן זיך צושמועסט ווי זון און טאטע,
ווען מ'האט דעם „דאברי דזשען" געהערט אויפשפילן,
אויף א כאסלערע פאר אן ארימער כאטע.

און פון דעם ווילדן יאג דורך טונקעלע וועלדער,
אויף די פלינקע פערד פון די פוילישע רייטער,
איז עס ווידער געלאפן אין אונז ארויף און אראפ,
אויף יענער אויסגע'חלום'טער יעקב'שער לייטער.

און אז אזא ייד מיט פעקל אויף פלייצעס
איז אין א פויערישער כאטע אריינגעקומען,
ס'גאנצע הויזגעזינד געשטעלט האט זיך אויף קני
און פרום און הייליק זיך צלם'ען גענומען.

און ווען א קרעטשמערקע, דעם ווילמאזשני כראביע,
האט א שטיק שבת'דיקע פיש צוגעטראגן,
ער האט לייבהאפטיק דערזען די הייליקע מוטער,
און דעם „פאטשאוש" שטיל אנגעהויבן צו זאגן.

ב.

ווי די פויערים מיט זייערע קאַרטאָפל־פעלדער,
מיט די פולע סטאָדאָלעס און הויכע סטויגן
איינגעזויגן מיר האָבן זיך אין די ערד דאָ,
מיט הייסע געבעטן פון זידיקע אויגן.

מיט יעדן שטיקל מהרש״ל, מיט יעדן שאַרפן מהרש״א
טיף איינגעשניטן זיך ווי מיט אַן אַקער־אייזן;
איין וואַסער־טרעגער פון אַ לובלינער געסל
קאָן די וועלט מיט פולע עמערס גוטסקייט דערלייזן!

ווי די כאַסלערס מיט פאַרשייטע „מאַזורקע טענץ״,
מיט די הילכיקע „הוידאַנאַ־דאַנאַ״־געזאַנגען,
ביז׳ן ליכטיקן הימל אַריין מיט „מצוה־טענצלעך״
זיינען מיר מיט פרישע זונען אויפגעגאַנגען.

צושאָקלטע ביי „של״ה הקדוש״, ביים אָפענעם ש״ך,
מיט „פּאַווע״־לידער ביי דראָטוועס פאַרדרייען,
ס׳האָט אונזער צוקנייטשט לעבן דאָ הייליק צוקלונגען,
מיט אונזערע צושריגענע און פאַרשוויגענע ווייען.

יאָ, מיט די „מה־יפית־טענץ״, חניפיש פון פריץ צו פריץ,
מיט נעבאַכדיקע דאָרף־גייערס פון כאַטעס צו כאַטעס,
און מיט שטאַרקע, שוסטער־ און שניידער־יונגען
מיט „טשערוואָני שטאַנדאַרטס״ דורך אייזערנע גראַטעס.

ג.

ניין, מ׳וועט אונזער זאַמען נישט קענען פאַרטיליקן —
די פלעווס נאָר מיט ווינדשאָולען צושטויבן!
דאָס גאַרנישטיקע, דאָס לייכטע וועט צופליען,
דאָס קערנדיקע וויגנדיק צום הימל זיך דערהויבן.

און גייט מען מיט קאָסעס איבער אונזערע לייבער —
מיר זיינען געבונדענע סנאָפּעס, פול צייטיקן ווייצן!
און אַלע אָנגעצונדענע שייטערס אונטער אונז,
דעם באָק־אַריון פלאַקערדיק אויסצוהייצן.

ניין, מ׳וועט אונזער זאַמען נישט קענען פאַרטיליקן —
ווי פון אויסגעבאַקענעם ברויט רייסן נאָר שטיקער!
און אָנעסנדיק זיך און פאַרכליינענדיק זיך,
ס׳וועט זיך דערשטיקן מיט אונז דער דערשטיקער.

אַז צוועלף צווילינגס אויסטראַגן ס'קאָן איין שוסטערקע —
טאָ ווי אַזוי קאָנען מיר חלילה אויפהערן!
יאָ, פון איין קייענדיקער שטרוי אין אַ ייד'ס מויל
קאָן זיך דאָך אַ גאַנץ שטעטל בכבוד דערנערן.

אָ, אונזערע יונגען מיט די מעסערס אין די שטיוול
קישקעס אַרויסצולאָזן אָן „עירוב" צו מאַכן!
און אַ פול געשטאָפּטע שול מיט אַלטע יידן נאָך
קאָן דאָך דעם טויט אין פנים אַריין זיך צולאַכן.

## ד.

דאָס ליד אָ מתנה פריינט ישראל שפּעטמאַן

איך זע זיי די טליענדיקע, די ברענענדיקע בליקן,
דורך די לאַנגע, די צושויבערטע ברעמען,
ווי זיי רויכערן שוואַרץ אויף און צופלאַקערן,
די גאַנצע וועלט מיט זייער גוטסקייט צו פאַרשעמען.

איך זע אים דעם חוזה, דעם הייליקן פון לובלין,
מיט זיינע פאַרקאַלטעוועטע באָרד און פאות,
אַלע וויסטע הערצער אין זיינע ליכטיקע שוואַרץ־אַפּלען
צושריבענע פאַרוויקלטע הייליקע קמיעות:

זיינען מיר דאָך אויסגעווייִלט געוואָרן אויף דעם,
גאַנצע וועלט אין אונזערע יסודים צו רייניקן —
דו ביזט דאָך דער וואָס שטראָפט, דו ביזט דאָך דער וואָס היילט,
אַ טאַטע וועט דאָך זיינע קינדער נישט פאַרפייניקן!

און אַז קיין פאָלק זאָל חלילה נישט אונטערגיין,
דערפאַר מיט דיין גנאָד צווישן אַלע אונז פאַרטריבן —
אָ, אַז דו זאָלסט חלילה נישט פאַרשעמט ווערן,
וואָס דו האָסט אונז פאַר דיינע קינדער אויסגעקליבן —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

איך זע אים דעם חוזה, דעם הייליקן מלובלין,
און ס'ווערט אַזוי ליכטיק אין די פאַרפינסטערטע בליקן,
זיין האַרץ הענגט אַ קמיעה, אַ הייליק צושריבענע,
טאַטעדיק צו באַשיצן פון אַלע בייזע אומגליקן.

## ה.

(צו מײן הײם־שטאָט טשענסטאָכאָוו)

װי „די שוואַרצע מאַדאָנאַ״, די הײליקע מאַריאַ,
זי װאָלט איצט פון קלױסטער אױבן אַראָפּגעקומען,
מיט אױגן־רובינען, זוניק צושימערטע,
אָז אַלע גאַסן בלײבן שטיל און באַנומען,

אַזױ גײט מײן מאַמע דורך די שבת׳דיק עגעסלעך,
מיט געצײלטע שריט, שלאַנק און געלאַסן,
ס׳אור־אײניקל, װאָס טראָגט נאָך דעם „קרבן־מנחה״,
אײנגעװיקלט אין טיכעלע, איר טרערן־נאַסן,

איז עס נישט אָקאָרשט פון איר שױס אַראָפּ,
מיט גליאיקע גליל־געסלעך אין די אױגעלעך־אױגן ?
אָ, די געצײלטע שטילע שריט ביז דאָ אַהער הער איך זײ,
און מײן האַרץ טוט זיך פאַר זײ הײליק פאַרבױגן —

נײן, מ׳קאָן די ערד פון אונזער טריט נישט אָװעקנעמען,
זײ טובלען זיך אין די װײסל און װאַרטע טײכן !
און זײ טרעטן זיך און קרײצן זיך אין שליאַכן,
מיט בלוטיקע שליאַדעס אין הימלישע הײכן.

פון דײן אַרומגעזוימטען־צאַרטן „קרבן־מנחה״־טיכעלע,
ביז דאָ אַהער מאַמע זאַפּן זיך דײנע טרערן !
און צון דײנע שריט צעשעפּטשעטע שטילע
משיח׳ס אָנקומען יעדע רגע צו דערהערן —

## ו.

אױף די מערק יעדן מאָנטאָק און דאָנערשטאָק
אליהו הנביא׳ן פּנים אל פּנים אָנגעטראָפן,
פון די נידעריקע הימלען מיט די הענט אָנצוטאַפּן,
אונזערע מטושטש׳דיקע הערצער פול מיט האָפן.

מיט די װײצענע פעלדער, מיט די זשיװיעצע װעלדער
מיר האָבן געװאָרצלט, מיר האָבן געטון צײטיקן,
מיט די סמוטנע־שטילע טליענדיקע בין־השמשות׳ן
אױפגעגליט מיט אַלע אונזערע װײטיקען.

אין פאַר אַ װײסע קאַפּליצע, אַ צושאָטענטע,
אַ קניענדיקע פױערטע אַ צו׳צלם׳טע שטילע —
דער אָרום װערט אַזױ סמוטנע טרױעריק,
און דאָס אױסגעלײדיקטע האַרץ פול מיט תפילה :

„גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב
מיט דיין גרויסן גנאָד דיין פאָלק צו באַשיצן" —
און פון פאַרלוירענע בליקן פולע מיט טרערן
הויבט אָן דער הימל מיט שטערן אויפצובליצן.

און די אויפגעגאַנגענע לבנה שטיל און געלאַסן
אויף די וויסטעסטע וועגן משיח'ן צו באַגלייטן,
באַלד קומט ער אָן, אויף זיין ווייסן פליגקן פערד,
פאַר יעדער פינסטערער טיר ליכטיק צו רייטן.

## ז.

און ווען די פוילישע שליאַכטשיצעס אויף זייערע פערד
האָבן זיך אַוועקגעלאָזן אויף די בלוטיקע וועגן,
איז בערעק יאָסעלעוויטש אויף זיין פערד געזעסן,
ווי אַ שטורם־ווינט געיאָגט דורך שניי און דורך רעגן.

פאַרגעסן האָט בערעק דעם „מה־יפית" דעמאָלט,
זיין ערד ר'האָט דערשפירט אונטער פערדישע טלאָען!
„וואָס אים צוריטשעטער שליאַכטשיץ, וואָס שכור'ער כראַביע,
עס גייט דאָך אין קאָזשימיערזש'ס הייליקן טראָען!"

ניסט אויף בערן־געיעג לאָזט זיך איצט דער שליאַכטשיץ,
און אַ יידל מיטגענומען פון אים אָפּצולאַכן —
אין ציטער פון זיין באָרד און וואָנסעס ציטערט דאָס לעבן!
ס'איז שטורם־ווינט איבער פוילישע שלאַכן —

— — — — — — — — — — — —

אַנגעזאָפּט איז געוואָרן די פוילישע, די אָרימע ערד
מיט בלוט פון זיינע כלאָפּעס און זייעע יידן,
צורודערט אַזוי, אין שווערן יאָך פאַרקאָוועט,
און די פוילישע קרוין הערט זיך ניסט אויף צו שמידן.

כ'זע נאָך איצט די באָבע'ס שמייכל אויף די ליפּן,
ווען פון די פאָווסטאַנצעס זי פלעגט אונז דערציילן,
מיר זיינען געזעסן אַזוי ווינטערדיק איינגעטוליעט,
ווי מיט די פאָווסטאַנצעס אין די פאַרבאָרגענע היילן.

## ח.

ניסט געקענט פאַרטרינקען האָבן וויסטע פאַנסקע־הוליאַנקעס
די תמימות פון דאָרפישן פויער און שטעטלישן יידן —
אַ רעפטל קאָרענע ברויט, אַ כוית ווייצענע חלה —
אַ, די פרומע הייליקייט פון אַזאַ זיין צופרידן!

צוטאַנצטע קרעטשמעס מיט „דרוכנעס" און „דרוזשבעס",
און די נאַגנדיקע פידל, וואָס האָט דאָס האַרץ צונומען,
און דאָס ביסעלע מעד פֿרייטאָק נאָך דער מקוה —
די רחבות׳דיקייט, זי קאָן קיינמאָל נישט פֿאַרקומען.

אין אַלע אונזערע טרערן, אפילו אין אונזער בלוט
אַזאַ אויסגעהאַרעוועטע פֿרייד קאָן נישט ווערן פֿאַרלאָשן,
און נישט האַנאַראָווע גלאָטע רייד קאָנען פֿאַרמעקן
דאָס פֿויערישע וואָרט און אונזער מאַמעדיק לשון.

די טיף צוגראָבענע זאַגלעמביער קוילן־שאַכטעס,
מיט פֿאַרביסענער סאָכע זיי זיינען צוגראָבן געוואָרן!
און די הויכע שווינדלדיקע לאָדזער פֿאַבריק־קוימען
מיט ר׳ יעקב פּאָלאַק׳ס פֿינגער־דריי און אייזערנעם זכרון!

און מיר געדענקן נאָך אַלץ ווער און וואָס מיר זיינען,
„עמך" זיינען מיר — מיט שער און אייזן!
מיט פֿויערישע קוילן־גרעבער, מיט יידישע וועבער,
מיט הייליקע פּראָסטע תמימות די וועלט צו דערלייזן.

## ט.

ווידער זייט איר עס, הייליקע, אויסדערווייילטע,
פֿאַרהונגערטע, קריעה־בליעה׳דיקע, צושליסענע
מיט צעקרימטע קרעמלעך, שווער באַהאַרבעטע,
פֿאַרמוטשעטע, איינגע׳עקשנ׳טע, פֿאַרביסענע,

יידישע שטעטלעך, שניידערישע, שוסטערישע,
צוזונגענע מיט וואָרשטאָטן און בית־מדרש־טישן,
ווידער זייט איר עס מיט אייער הייליקן בלוט
די חרפּה פֿון אונזערע פּנים׳ער אָפּצעווישן.

אָ, ווי מ׳האָט דאָס אונז דערנידריקט און באַליידיקט
מיט יעדן ווינט אין דער גאַנצער וועלט אונז צו צעשטויבן,
האָב־און־גוטס אונזערס און לייב און לעבן
און דאָס לעצטע ביסל גלויבן אונז צוצורויבן.

אָ, ווי מ׳האָט דאָס אונזער בלוט פֿאַרוואָסערט,
פֿאַרשמוצט און אין אַלע רינשטאָקן געגאָסן,
אונזער לעבן פֿאַרביטערט און פֿאַרגיפֿטיקט
צו צורייסן עס אין טויזענטער וויסטע כאָאָסן.

ווידער זייט איר עס הייליקע אויסדערוויילטע
אין טיפע טיפענישן מיט וואָרצלען איינגעביסן
מיט דער קרוין פון אונזער שטאַם אין הימל איינגעבויערט
פון קיין שטורם־ווינט נישט צו ווערן אַרויסגעריסן.

## י׳.

מיט פּאַלעמיאָטן, מיט טאַנקס, מיט האַרמאַטן
און מיט צוברומטע פליערס פון אויבן —
יאָ, ס׳וועט זיי אַלעמען מנצח־זיין,
אַ דאָרפיש אויפפליענדיקע טשאַטע מיט טויבן.

און ערשט ווען אַ באַטשאַן פון זיין שטרוי־דאַך
אויפגעפלאַטערט מיט זיינע פליגל צעשפּרייטע —
אַלע כאַטעס טוט ער הייליק באַשיצן,
אַלע פעלדער פאַראַקערטע, פאַרזייטע.

מ׳קאָן אַ לאַנד צושניידן ווי אַן אויפגעגאַנגען ברויט,
דעם האָנאָר נאָר צו זעטיקן און צו דערנערן,
אָבער ס׳קאָן קיינער ביי קיינעם נישט צונעמען,
דאָס עכטע וואָס וועט דעם עכטן אייביק געהערן.

ווען אַן אָרעם פויערל שפּאַנט אויס זיין סאָכע,
די איינציקע פּאָר פערד זיין כלאָפּ צו געבן,
און יענער יאָגט דאָס שטיקל ערד אָפּצוראַטעווען,
אַוועקצוגעבן דערפאַר זיין גאַנץ ביסל לעבן,

וואַרט די סאָכע אינדערהיים אויף די צוויי פערד,
און אויף זיין איינציקן זון — דער פויער!
מיט פּאַלעמיאָטן, מיט טאַנקס, מיט האַרמאַטן
מ׳קאָן נישט מנצח־זיין אַזאַ הייליקן טרויער.

## י״א

### (אין די לעצטע טעג פון ווארשע)

פון די שטיבלאַך, בתי־מדרשים, פון דער גמרא אַוועק,
אַ שטיקל שווערן מהר״ם מיטן אין שאַרפן,
מיט פאות פּאַ־קאַזאַצקעמו, צופלאַשעטע,
אויף מסירות־נפש צו גיין, ווען מ׳וועט באַדאַרפן;

פאַר׳ן אייזערנעם טויער, פון אונטער די טאַשעוואַניעס,
אַרויס פון די נאַלעווקע סקלאַדעס פון די געפּאַקטע,
מיט די אייזערנע פּרענטן אין די הענט,
אַרונטערגעריסן פון די לאַדנס, די פאַרהאַקטע;

און די סמאַטשע גאַס, די שניידערשע־שוסטערשע,
מיט האַמער, מיט מעסער און שער און אייזן,
מיט'ן סמאַלע־קאַפּ אין דער ערד צו גיין,
נאָר די וועלט פון שלעכטס צו דערלייזן;

די ווייבער מיט די טעפּ־וואַסער פון אויוון אַוועק,
דרדקי־מלמדים מיט טייטהעלצלעך, געשניצטע,
און שראַפּנעלן צו שליידערן, אויפצופלאַצן,
יידישע פּאַטען זייערע קעפּ, זייערע צעהיצטע;

ווי רבי בעריש מייזעלש, ווי די טעמערל דעמאָלט
שטייען זיי אַלץ נאָך מיט לעצטן פאַל נאָך צו זיגן —
עס מישט זיך דאָס בלוט פון „יעשטשע פּאַלסקאַ"
מיט פרץ'עס הייליקן „מקובלים" ניגון —

## י"ב

(צו פוילן)

און ביזטו נאָר אַן אויפגעמויערטע, אַ פינסטערע וואַנט,
זיינען מיר די פאַר'משפּט'ע, די אַוועקגעשטעלטע,
שטיין צו בלייבן אַזוי מיט פאַרבונדענע אויגן,
ביז גאַנצע וועלט וועט ווערן אַ פריידיק־צעהעלטע.

און וועט מען דיך צענעמען, אַ שטיין אויף אַ שטיין,
אין מיטן וועג דער אַקער־ערד — דו וועסט אונז פאַרבלייבן!
דער „קול ברמה" פון אונזערע מאַמעס
דערהערט צו ווערן, ווען מ'וועט נעמען אונז טרייבן.

ווי אין טאָרבעלעך פול מיט ארץ ישראל ערד
מיט־טראָגן דיך אין אונז'רע הערצער אויף אַלע וועגן!
מיט דער קאַושימיערזש־ראַגאַטקע, מיט דער פראַגער בריק,
מיט'ן „קוילער שליאַך" מ'וועט זיך תמיד צו דיר דערפרעגן:

פון איבער'ן אַצעיאַן מיט „די פוילישע וועלדער"! —
צו דער „פוסטער קרעטשמע", צעקוואַקעט מיט הינער,
פון אייזיקל ר' יעקעלע'ס, פון ר' משה אויסערליש,
מיט'ן רחבות'דיקן אַריינפאָר ביי יחזקאל גאַמבינער,

צו יענע גאַסן ווו ברוך שולמאַן איז געגאַנגען,
און נאָך אים אין פעסטן טראָט „דער טאַטע מיט בנים" —
— — — — — — — — — — — —
צו יענע סטעושקעס צווישן וויגנדיקן צייטיקן קאָרן,
ווו מ'האָט ווידער אויפגעשטראַלט מיט הדרת'דיקן פנים.

Printed by I. Narodiczky, (T.U.), 129/131 Cavell St., London, E.1.